**וועטער**
פון ניו יארק

דאנערשטאג: לופטיג, זוניג, פארנאכטס פארוואלקנט 33-39 גראד

פרייטאג: רעגן אדער שניי 32-40 גראד

שבת קודש: מערסטנס זוניג, לופטיג 34-46 גראד

זונטאג: מערסטנס זוניג 34-45 גראד

מאנטאג: צייטנווייז פארוואלקנט און זוניג 34-46 גראד

# דער בלאט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן ארטאדאקסישן אידנטום

DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE ORTHODOX JEWRY

**PRICE פרייז**

**$1.50** New York
$1.75 Other US Cities

| | |
|---|---|
| ארץ ישראל | 14.00 ש״ח |
| קאנאדע | $2.00 |
| ענגלאנד | £1.70 |
| אי-יו | €2.50 |
| אויסטראליע | AU$2.00 |
| ארגענטינע | 4.00 |

**Friday, February 4, '05** ב״ה, פרייטאג פר' משפטים, כ״ה שבט, תשס״ה **Vol. 6 No. 20 (274)**


# ארטאדאקסישער אידנטום פאראייניגט אין קאמף פאר מצות מילה כהלכתה

ש. כהן

ניו יארק. - צום צווייטן מאל אין בלויז עטליכע מאנאטן האבן זיך ערליכע עסקנים און רבנים, פון אלע שיכטן און קרייזן איבער אמעריקע, פאראייניגט אין אַ הייליגן קאמף, קעגן אזעלכע וואס פרובירן צו באקעמפן אידישקייט, אבער דאסמאל איז ליידער יד ישראל באמצע.

אין די פריערדיגע מערכה האט מען געמוזט באקעמפן די ראדיקאלע "ענימעל רייטס" גרופע פיטא, וועלכע האט פרובירט צו שטערן שחיטה. איצט האנדלט זיך עס ליידער פון אַן אייגענעם, אַ ראביי, וועלכער האט זיך פארמאסטן אונטערצוברעגען ברית מילה, לויט וויאזוי מען האט דורכגעפירט די מצוה מימות אברהם אבינו.

"דער בלאט" איז געווען די ערשטע צייטונג צו באריכטן די נייעס די פארגאנגענע וואך, אבער צוליב די סענסיטיוויטעט פון די מערכה האבן מיר נישט געקענט איבערגעבן צופיל פרטים. איצט איז די נייעס פארשפרייט געווארן דורך די אלגעמיינע מידיא, און אויף די אנווייזונג פון גדולי הרבנים שליט״א איז באשלאסן געווארן אויפצורודערן דעם דעת הקהל, און צוווארענען אז עס איז פאראן אַן ערנסטע סכנה, אז ברית מילה כהלכתה זאל פארבאטן ווערן, אויב וועט דער ראביי און זיין אזויגערופענע קאאליציע פון רעפארם דאקטוירים, ערלויבט ווערן אנצוגיין אומבאקעמפט.

עס האנדלט זיך פון דעם טרויעריג-בארימטן ראביי דאקטאר טענדלער, וועלכער האט אין די פארגאנגענהייט מערערע מאל פאראורזאכט קאנטראווערסיעס מיט זיינע מאדנע הוראות און אומאויסגעהאלטענע פסקים, איבער מקוואות, שבת, מחיצות א.א.וו.

די לעצטע צוויי יאר האט ער געעפנט אַ ברייטע אקציע מבטל צו זיין "מציצה בפה" וועלכע איז איינס פון די יסודות המצוה, דורך נוצן די זעלבע טענות וואס די משכילים און אפיקורסים למיניהם האבן אויפ-געברענגט דערקעגן נאך מיט 150 יאר

(פארזעצונג אויף זייט 118)

# ארטאדאקסישער אידנטום פאראייניגט אין קאמף פאר מצות מילה כהלכתה

(פארזעצונג פון זייט 1)

צוריק. אלע גדולי ישראל פון אונגארן, פוילן און גאליציע זענען ארויסגעגאנגען אין אַ מלחמת חרמה קעגן די וואס האבן פרובירט איינצופירן שינויים, און דערקלערט אז דער וועג וויאזוי מען האט אלע יארן דורכגעפירט ברית מילה איז הלכה למשה מסיני, און מען טאר זיך נישט אוועקרירן דערפון אפילו א קוצו של יוד.

אַ חשוב'ער מוהל האט אין אַ שמועס מיט "דער בלאט" אונטערגעשטראכן, אז דער ענין איז נישט קיין מנהג, אדער אַ רפואה (די אמאליגע משכילים און דער היינטיגער ראביי טענדלער האבן גע'טענה'ט אז פארצייטנס האט מען דאס געטאן אלס רפואה, אבער היינט פעלט עס שוין נישט אויס) נאר אַ הלכה, וואס שטייט ארויסגעשריבן אין די גמרא און אין שולחן ערוך, און אזוי פירט מען דורך בריתן ביי אלע שיכטן און קרייזן מדורי דורות, סיידן ביי די גאר מאדערנע אדער די רעפארם. די מידיא, וועלכע האט גענומען די אינפארמאציע פון דעם ראביי, האט אראפגעלייגט די נייעס כאילו די מצוה כהלכתה איז אַ פראקטיצירונג וואס ווערט בלויז דורכגעפירט ביי די "אולטרא-ארטאדאקס," אבער דאס איז אבסאלוט פאלש.

אלנפאלס, איבער די פארגאנגענע מאנאטן האט דער ראביי זיך כסדר פאראינטערעסירט וואו עס קומען פאר בריתן פון חרדישע קינדער, און ער פלעגט אהינקומען און סטראשען די מוהלים מיט'ן ערגסטן אויב פירן זיי דורך די מצוה כהלכתה.

עטליכע וואכן נאך סוכות איז פארגעקומען אַ ברית פאר צווילינג-אינגלעך אין פלעטבוש. דער ערשטער קינד האט געהאט אַ שטיקל אויסשלאג, און דער מוהל האט געזאגט אז ער וויל ערוואקסענע. דורכאויס דעם יאר פארט ער ארום מיט גרויס מסירות נפש צו די פארשטופסטע ערטער אויף דער וועלט, בכדי מכניס צו זיין אידן בבריתו של אברהם אבינו. גרויסע פוסקים שיקן צו אים זייערע שאלות אין עניני מילה, און זיינע פסקים זענען אנגענומען מסוף העולם ועד סופו. הגאון האדיר בעל שבט הלוי שליט"א שיקט צו אים כסדר שווערע שאלות, און פילע פון די היינטיגע מוהלים זענען זיינע תלמידים.

עטליכע טעג נאכ'ן ברית האט זיך דער אויסשלאג אויפ'ן קינד פארשפרייט, און מען איז צוריקגעגאנגען צום דאקטאר. וויבאלד ער האט לכתחלה געהאט באשטעטיגט אז מען קען ווייטער גיין מיט'ן ברית, האט אים אנגעכאפט אַ שרעק אז מען וועט אים נאך אנקלאגן דערפאר, און דעריבער האט ער אנגעפאנגען ארויפצואווארפן דעם גאנצן שולד אויפ'ן מוהל, זאגנדיג אז דאס קינד איז קראנק געווארן בלויז נאכ'ן ברית, וויבאלד מען האט געמאכט די מצוה כהלכתה.

דער אויסשלאג איז דיאגנאזירט געווארן דורך דאקטוירים אלס "הערפיס", וואס איז אנשטעקיג. עס איז נישט שעדליך פאר ערוואקסענע אבער פאר פיצלעך קינדער יא, און זיין צווילינג ברודער האט עס איבערגעכאפט פונעם ערשטן קינד.

דער אויבנדערמאנטער ראביי טענדלער איז געוואויר געווארן פון די מעשה, און ער האט אנגעפאנגען צו מאכן אַ גאנצן טומל און איבערקערעניש, זאגנדיג אז איצט זעט מען אז ער איז גערעכט געווען פון אנהויב.

כדי צו זיין אויף די זיכערע זייט, איז דער מוהל הרב פישער דורכגעגאנגען אַ רייע קאסטבארע טעסטס, און ער איז

דראסטישע ענדערונגען אין דעם ענין פון ברית מילה, ווי למשל אז דער מוהל זאל מוזן אנטאן הענטשוך וכדו' און זיי האבן זאגאר נישט אויסגעשלאסן אז אינעם צוקונפט זאל מען גענצליך קענען אפשאפן ברית מילה דורך אַ מוהל, און עס זאל בלויז דורכגעפירט ווערן דורך דאקטוירים, הי' לא תהי'.

צום אלעם ערשט האט די קאאליציע אראנזשירט מיטינגען מיט מוהלים, און פרובירט זיי מסביר צו זיין ווי שעדליך ס'איז דער גאנצער ענין וואס זיי באקעמפן, אבער למעשה האט זיך נאכאנאנד ארויסגעשטעלט ווי לעכערליך זייערע טענות זענען. די מוהלים וועלכע האבן זיך באטייליגט ביי די מיטינגען האבן באלד געזען אז עס האנדלט זיך פון אַ גרופע "להכעיס'ניקעס", וועלכע ווילן פשוט און גראד באקעמפן אַ מצוה אין די תורה.

די קאאליציע האט זיך דאן געווענדן צו די העלט דעפארטמענט, און זיי פרובירט אויפצוקלערן אז דער ענין דארף דערקלערט ווערן אומלעגאל. דער סיטי העלט קאמישאנער דר. פרידער, האט הערנדיג די באשולדיגונגען געוואלט וויסן מער פרטים, און ער האט דעריבער גערופן אַ זיצונג מיט דאקטוירים און רבנים. עס האבן זיך באטייליגט בארימטע דאקטוירים און אויך גרויסע רבנים פון די "התאחדות הרבנים", די "אגודה" און נאך.

ביי די זיצונג האבן אויפגעטרעטן דאקטוירים, וועלכע האבן אלע פה אחד דערקלערט אז די באשולדיגונגען זענען לעכערליך. צווישן אנדערע האבן אויפגעטרעטן דער בארימטער דר. הר"ר אברהם יושע ווערצבערגער הי"ו פון קרית יואל און דר. גלאסבורג, דער גרעסטער יורלאלאדזשיסט אין ניו יארק, וועלכע האבן געזאגט אז זיי האבן שוין באהאנדלט טויזנטער קינדער דורכאויס זייערע קאריערעס, און קיינמאל האבן זיי נאכנישט געזען אַ פאל, אז אַ קינד זאל געשעדיגט ווערן אויב מען פירט עס אדורך כהלכתה.

די העלט דעפארטמענט האט

שוין נישט היינט.

איבער די פארגאנגענע טעג איז פארגעקומען אַ מיטינג פון גרויסע רבנים, און עס איז באשלאסן געווארן ארויסצוגיין אין אַן ערנסטע מערכה קעגן די רעפארם גרופע און זייער "ארטאדאקסישער" פירער, דער ראביי.

דאָס יהדות החרדית וועט נישט שטיל בלייבן. הי' לא תהי'. מען וועט באַקעמפן די נייע געפאר און פירצה בכל תוקף ועוז. רבנים, עסקנים און שתדלנים וועלן שטיין אויף דער וואַך און ארבעטן אומערמידליך צו באַקעמפן דעם פרישן פלאָג.

ובעזרת השי"ת נעשה ונצליח.○

**וועטער**
פון ניו יארק

**דאנערשטאג:** זוניג, ווינטיג,
לופטיג און קלאר, 6-16 גראד

**פרייטאג:** זוניג, ביטער קאלט
14-17 גראד

**שבת קודש:** מערסטנס זוניג,
קיל, 23-32 גראד

**זונטאג:** מערסטנס פארוואלקנט,
28-35 גראד

**מאנטאג:** ווינטיג,
33-40 גראד

# דער בלאט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן ארטאדאקסישן אידנטום

# DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE
ORTHODOX JEWRY

**PRICE פרייז**

**$1.50** New York
$1.75 Other US Cities

ארץ ישראל............14.00 ש״ח
קאנאדע............$2.00
ענגלאנד............£1.70
אי-יו............€2.50
אויסטראליע............AU$2.00
ארגענטינע............4.00

**Friday, January 28, '05** | **ב״ה, פרייטאג פר׳ יתרו, י״ח שבט, תשס״ה** | **Vol. 6 No. 19 (273)**


*ספעציעל צום ״בלאט״:*

# מצות ברית מילה כדת וכהלכה אין געפאר צוליב בלבול ומסירה

## מאדערן-ארטאדאקסישער ראביי פון מאנסי גיט איין מסירה צום ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט

**ניו יארק.** - פון פארלעסליכע קוועלער אינערהאלב רבני׳שע קערפערשאפטן און פראמינענטע מוהלים און עסקנים הערט ״דער בלאט״, אז א גרויס׳ געפאר הערשט אז חרדי׳שע אידן אין ניו יארק זאלן נישט קענען מקיים זיין מצות ברית מילה כדת וכהלכה אויפן דרך המקובל לנו מדור דור.

לויט די באריכטן איז ליידער יד ישראל באמצע, און דערצו איינער וואס איז געקליידעט ״באיצטלא דרבנן״, וועלכער האט זיך פארמאסטן אין די פארגאנגענע טעג צו מסר׳ן ערליכע אידן דורך פארבינדען זיך מיט די ניו יארק סטעיט ״העלט דעפארטמענט״ און איבערגעגעבן, אז חרדי׳שע און חסידישע מוהלים פירן דורך בריתּ׳ן אויף א נישט לעגאלן און געזונטן וועג, וואס קען פאראורזאכן פארשידענע מחלות ביי די פריש גע׳מל׳טע קינדער ה״י.

דער אזוי גערופענער ״רב״ וועלכער וואוינט אין מאנסי, ספרינג וואלי איז א ״ראביי״ וועלכער איז שטארק פאפולער אין די מאדערן-ארטאדאקסישע קרייזן און האט שוין אין די פארגאנגענהייט מערערע מאל פאראורזאכט קאנטראווערסיעס מיט זיינע מאדנע הוראות און אומאויסגעהאלטענע פסקים.

איצט האט דער ראביי אונטערגענומען א קאמפיין צו באקעמפן פארשידענע אנגענומענע יסודות אין הלכה בעניני ברית מילה און בעיקר ״מציצה בפה״ אויף וועלכע רבותינו הקדושים מדורות הקודמים זי״ע ולהבחל״ח הרבנים הגאונים והצדיקים אשר אתנו שליט״א האבן לוחם געווען מיט מסירות נפש נישט משנה צו זיין אפילו א קוצו של יו״ד.

דער ראביי פאראינטערעסירט זיך וואו עס קומען פאר בריתּ׳ן פון חרדישע קינדער, און האלט זיך נישט אפ, פון סטראשענען די מוהלים בעפאר׳ן מל׳נען אז ער וועט זיי לאזן ארעסטירן אויב זיי וועלן דורכפירן מציצה בפה, מיטן אויסרייד אז עס איז א סכנה פארן קינד.

אויפן פארלאנג פון עטליכע חשובע רבנים און מוהלים שליט״א וועלכע זיצן די טעג און זענען דן בככוד ראש להעביר רוע הגזירה, אפצושלאגן די פרישע מסירה און העצע קעגן מצות ברית מילה הכתובה בתורתינו הק׳ קען מען נישט מאריך זיין מיט מערערע פרטים, און מ׳האפט אז עס וועט געלונגען בעזהשי״ת פאר די רבנים ומוהלים שליט״א צונישט מאכן דעם געפאר, און אידישע קינדער וועלן ווייטער קענען מקיים די מצוה כדת וכהלכה.

אם לא בריתי וכו׳ ○